**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 950 BROADWAY דעוועלאפמענט אין איסט באפעלאו

***פראיעקט קומט מיט 28 אפּאָרדעבעל האוזינג יוניטס און אומזיסטע 'העד סטארט' קינדער עדזשוקעישען פראגראם***

***איינס פון 11 פראיעקטן פאר באפעלאו'ס 10 מיליאן דאלארדיגע בראדוועי-פילמאר שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענטס; זעהט מאלערייען פון די דעזיין [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 950 Broadway LLC אין איסט באפעלאו. דער 13.5 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט דורך Cedarland Development LLC וועט רענאווירן און פארוואנדלען א 50,000 סקוועיר פיסיגע, ליידיגע און אומבאנוצטע געביידע אין איסט באפעלאו צו ווערן א דעוועלאפמענט מיט אויסגעמישטע צוועקן: קומענדיג מיט 28 אפּאָרדעבעל האוזינג יוניטס, אן אומזיסטע 'העד סטארט' (Head Start) קינדער עדזשוקעישען פראגראם און א פארגעשלאגענע אינעווייניגע שטאטישע פארם. די געביידע איז געשטאנען אומבאנוצט פאר 18 יאר, מיט חלקים פון די געביידע זייענדיג ליידיג שוין פאר צענדליגע יארן בעפאר דעם. איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט וועט די רענאווירטע 950 Broadway ברענגען א נייע לעבן פאר די געביידע וואס פלעגט זיין א ריטעיל געשעפט און שפעטער אן אפיס געביידע נעבן איינס פון די מערסטע זעהבארע אינטערסעקשענס אין איסט באפעלאו. גאווערנער האקול האט אין די פארגאנגענהייט [אנאנסירט]() אז 950 Broadway LLC איז אויסדערוועהלט געווארן צוזאמען מיט נאך 10 אנדערע טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין באפעלאו'ס בראדוועי-פילמאר געגנט אלס טייל פון א 10 מיליאן דאלארדיגע 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו' (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענט.

"די אנהויב ארבעט אויף 950 Broadway היינט איז א נייע התחלה פאר די לאנג ליידיגע און זעהבארע סטרוקטור אין איסט באפעלאו", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היסטארישע געביידע וואס איז אמאל געווען א חורבה אין די בראדוועי-פילמאר געגנט וועט יעצט זיין א צענטראלע פונקט פאר די קאמיוניטי און א טרייב קראפט פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג. היימער וועלן געמאכט ווערן דא, און מיר קוקן ארויס צו ענטפאנגען נייע שכנים צו די באפעלאו קאמיוניטי."

שטייענדיג אויף די ווינקל פון Broadway און Fillmore, וועט די געוועזענע Eckhardt's and Kobacker's דעפארטמענט געשעפט האבן אין זיך 28 אפּאָרדעבעל אפארטמענטס און א 'העד סטארט' קינדער'ס עדזשוקעישען פראגראם אנגעפירט דורך די Community Action Organization. אן אינעווייניגע שטאטישע פארם איז פארגעשלאגן געווארן פאר די געביידע'ס קעלער. אפארטמענטס אין די געביידע וועלן אריינרעכענען צען סטודיא אפארטמענטס, 12 איין-שלאף-צימערדיגע יוניטס און זעקס צוויי-שלאף-צימערדיגע יוניטס.

באפעלאָ'ס בראַדוועי-פּילמאַר געגנט איז געווען איינע פון די גערווינער אין די 5'טע רונדע פון די DRI.
געפונענדיג זיך אין איסט באפעלאו און אין איינס פון די שטאט'ס עלטסטע געגנטער, איז בראַדוועי-
פּילמאַר די געגנט וואו באפעלאו'ס פּלאַן פאר אַן אינוועסטירונג אין די שטאט-צענטער איז קאנצענטרירט.
די בראַדוועי-פּילמאַר געגנט – מיט הויפּטזעכליך היסטאָרישע קאָמערציעלע געביידעס וועלכע זענען
פאַרהעלטנסמעסיג גערדיכט געבויט – האט פאַרגעשטעלט א חזון צו אויפשטעלן ספּעציעלע שטאָטישע
פּלעצער, צענטראַלע פּאַרקס, געסער וועלכע זענען אויסגעשטעלט פאר ריטעיל געשעפטן,
פאַרבעסערטע וועגן צו אנקומען פון איין פלאַץ צום אנדערן אין די געגנט, וועגן פאר ביציקלען און
פּיסגייער, פאַרשענערונגען צו די אויסקוק פון די געסער און פון די עפנטליכע פּלעצער. אַרויפבויענדיג אויף
די שוואונג, ציהלט באַפעלאו צו מוטיגן נאָך איבערבויאונג פּראַיעקטן אויף ליידיגע סטרוקטורן, צו
צושטעלן בעסערע וועגן צו אנקומען צווישן צענטראַלע געביידעס און באַקוועמליכקייטן אַריבער גרינע
שטחים, פאַרמערן אַפאָרדעבעל הייזער געלעגנהייטן און פאַרשענערן די אויסקוק פון די געסער.

כדי צו אַרויסהעלפן Cedarland שטעלט ניו יאָרק סטעיט צו א הלוואה אין די ווערט פון $900,000 און א
גרענט אין די ווערט פון 1.1 מיליאן דאָלאַר פון עמפּייער סטעיט דעוועלאַפּמענט'ס Better Buffalo
('בעסערע באַפעלאו') קאַסע צו שטיצן די קאָמערציעלע רענאָוואַציעס און סטאַביליזאַציע פון געביידעס.
אין צוגאַב איז דער פּראַיעקט געשאַנקען געוואָרן א $427,150 גרענט פאַר די אַרויסבויאונג פון די דעי
קעיר איינריכטונגען דורך די סטעיט דעפּאַרטמענט'ס 5'טע רונדע פון די שטאָט-צענטער אויפלעבונג
אינציאַטיוו פאַר די בראַדוועי פּילמאַר געגנט. ניו יאָרק סטעיט האָומס ענד קאַמיוניטי רינוּעל ( Homes
and Community Renewal, HCR) שטעלט צו 2.1 מיליאן דאָלאַר אין הלוואות פאַר קאָנסטרוקציע און
פאַר אַנגייענדע אפּעראַציעס פאַר די אַפאָרדעבעל חלק פון דעם פּראַיעקט דורך איר 'קליינע געביידע
באַטייליגונג הלוואה' (Small Building Participation Loan) פּראָגראַם. די קאַמיוניטי אַפּהיטונג
קערפּערשאַפט (Community Preservation Corporation, CPC) צו א 7.8 מיליאן דאָלאַרדיגע
הלוואה פאַר די קאָנסטרוקציע, און אַזוי אויך א 3.2 מיליאן דאָלאַרדיגע פּערמאַנענטע הלוואה מיט
SONYMA אינשורענס פינאַנצירט דורך איר שותפות מיט די  New York State Common
Retirement Fund. אין צוגאַב צו די דעוועלאַפּער'ס ביישטייערונגען ערגענצן איבער 2.9 מיליאן דאָלאַר
אין היסטאָרישע טעקס קרעדיט עקוויטי און נאָך אַנרייץ מיטלען פון נעשענעל גריד די פינאַנצירונג
קוועלער פאַר דעם פּראַיעקט. די ניו יאָרק סטעיט מאָרטגעדזש אַגענטור'ס אינשורענס קאַסע גיבט די
מאָרטגעדזש אינשורענס אויף די CPC'ס פּערמאַנענטע הלוואה.

די Art Moderne געביידע – מיט אירע רונדיגע דרויסנדיגע וואַנט פון גראַניט, 'טערא-קאָטע' און
סטעינלעס סטיל – איז דעזיינט געוואָרן דורך די אַרכיטעקטן פון Bley and Lyman און געבויט אין 1940
אַלס א דעפּאַרטמענט געשעפט. פון 1940 ביז 1957, האט די געביידע געדינט אַלס א דעפּאַרטמענט
געשעפט. שפּעטער האט עס געדינט אַלס אַן אָפיס געביידע פאַר די סטעיט לעיבאָר דעפּאַרטמענט.

Cedarland Development Group איז א לאָקאַלע ריעל עסטעיט דעוועלאַפּמענט פירמע געגרונדעט
דורך דר. פּאַדי דאַגער און זיין זוהן קעווין דאַגער. דר. דאַגער'ס ליבשאַפט פאַר די קאַמיוניטי האט
געפירט צו די ערשטיגע ריעל עסטעיט אינוועסטירונגען וואס האט זיך שנעל אַנטוויקלט צו ווערן א מיסיע
צו האָבן א פּאָזיטיווע איינפלוס אויף באַפעלאו'ס אַנגייענדע אויפלעבונג. דורכאויס דעם פּראַיעקט פילט
זיך Cedarland Development מזל'דיג צו אַרבעטן צוזאַמען מיט פילע שותפים וועלכע טיילן מיט זייער
חזון. די פּראַיעקט פינאַנצירונג איז פאַרשאַפט געוואָרן דורך די קאַמיוניטי אַפּהיטונג קערפּערשאַפט און די
קאָנסטרוקציע ווערט געטוהן אונטער די פאַרוואַלטונג פון Buffalo Construction Consultants.

**עמפּייער סטעיט דעוועלאַפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאַנער, האָוּפ נייט, האט געזאָגט,** "די
לאַנג-ערוואַרטעטע איבערבויאונג פון 950 Broadway וועט ברענגען עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג און
אויפלעבונג פון די געגנט צו א זעהבאַרע ווינקל פון איסט באַפעלאו. עס ערגענצט גאווערנער האָקול'ס
לאַנגיאָריגע פאַרפּליכטונגען און אינוועסטירונגען אין די בראַדוועי-פּילמאַר געגנט, אַריינרעכענענדיג דעם

'איסט סייד קאמערציעלע דיסטריקטס' פראגראם, Broadway Market, צענטראלע טערמינאל און אנדערע פראיעקטן."

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די 13 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די בראדוועי-פילמאר געגנט פארשפרעכט נייע לעבן און לעבהאפט אין די פארעם פון 28 אפאָרדעבעל היימער, מערערע דזשאב געלעגנהייטן און צוגענגליכע טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט. HCR איז שטאלץ צו זיין א שותף אין די אונטערנעמונג, און עס דערפרייט אונז צו פארזעצן אונזער ארבעט דא אין איסט באפעלאו צו אריינבלאזן א חיות אין די געגנט און ברענגען די גאר זעהבארע און ארכיטעקטוריש-באדייטפולע געביידע צוריק צום לעבן."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "דער פראיעקט וועט טראנספארמירן א ליידיגע געביידע וואס איז געווען א דארן אין די אויג פון די קאמיוניטי צו ווערן א לעבהאפטיגע אוצר פאר די קאמיוניטי מיט אויסגעמישטע צוועקן, ברענגענדיג אפאָרדעבעל הייזער, טשיילד קעיר און אדרעסירן עסנווארג צוטריט און אומזיכערהייט. דער שעפערישער פראיעקט איז בלויז די אנהויב פון די טראנספארמאטיווע השפעה וואס די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו וועט האבן אויף די בראדוועי-פילמאר דיסטריקט, און עס איז א שיינענדע עדות איבער גאווערנער האקול'ס ברייטערע פארפליכטונג צו אויפלעבן און אריינבלאזן א פרישע ענערגיע אין איסט באפעלאו."

**Cedarland Development Group גרונדער, דר. פאדי דאגער, האט געזאגט,** "950 Broadway איז נישט סתם א געביידע נאר א פארפליכטונג צו אויפלעבן אונזער קאמיוניטי. מיר זענען איבערגעגעבן צו אדרעסירן די קאמיוניטי'ס באדערפענישן דורכן צושטעלן קריטישע סערוויסעס פאר די געגנט און אפאָרדעבעל האוזינג פראיעקטן אין צוזאמענארבעט מיט אונזערע קאמיוניטי שותפים און ערוויילטע בעאמטע."

**סטעיט סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דאס איז א געוואלדיגע ביישפיל פון א פראיעקט וואס גיבט א נייע צוועק פאר א שטיק פון אונזער שטאט'ס היסטאריע, און מיטן טוהן אזוי, שאפט עס עכטע געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע און קאמיוניטי-באזירטע וואוקס. דר. פאדי דאגער זעצט פאר צו מאכן סטראטעגישע, באדייטפולע אינוועסטירונגען אין מערב ניו יארק, און ניו יארק סטעיט בלייבט פארפליכטעט צו שטיצן דורכגעטראכטע פראיעקטן וועלכע שאפן צענטראליזירטע, צוזאמענארבעטנדע פלעצער אין אונזער שטאט."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטאל פיפלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "די לעצטע מאל וואס איך געדענק די Eckhardt געביידע ווערנדיג גענוצט איז כמעט צוואנציג יאר צוריק דורכאויס די צייט ווען עס האט געדינט אלס די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט אפיס. אלס א געביידע מיט אויסגעמישטע צוועקן: אינעווייניגע אגריקולטור, נייע פריוואטע וואוינונגען און אן אומזיסטע העד סטארט דעי קעיר צענטער, איז עס די בעסטע ביישפיל פון א פלאץ צו 'לעבן, ארבעטן און פארברענגען' וואס וועט העלפן פארבעסערן די געדיכטקייט פון די געגנט און פארמערן אקטיוויטעט. איך בין באגייסטערט ביז גאר צו זעהן די צענטראלע נקודה אין די קאמיוניטי ווערנדיג צוריק אריינגעברענגט אין באנוץ, און איך וויל גראטולירן Cedarland Development און די CAO of WNY פארן פארשטיין די באדערפענישן פון די ארטיגע איינוואוינער און פארן ארבעטן צו פארבעסערן זייער קוואליטעט פון לעבן."

**סיטי אָוו באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו דעוועלאפמענט אין די סיטי אָוו באפעלאו. איך לויב אויס Cedarland Development LLC פאר זייער שווערע ארבעט צו אנהויבן די ארבעט אויף דעם פראיעקט. אין 2022 האט די שטאט רעגירונג זיך פארזיכערט בערך 10 מיליאן דאלאר דורך די קאנקורירנדע אפליקאציע פראצעדור פאר די סטעיט'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו

(Downtown Revitalization Initiative, DRI). דורך די פארזיכערטע סטעיט פינאנצירונג האבן מיר געקענט ארויסהעלפן מיטן בויען די דעי קעיר חלק פון דעם 950 Broadway פראיעקט. איך בין שטאלץ מיט די שווערע ארבעט וואס אונזער אפיס פון סטראטעגישע פלאנירונג האט אריינגעלייגט צו פארענדיגן די DRI אפליקאציע און צו העלפן די לאקאלע פלאנירונג קאמיטע מיטן אויספלאנירן פראיעקטן. אין צוגאב צו דעם 950 Broadway פראיעקטן האט די שטאט זיך פארזיכערט פינאנצירונג פאר נאך פראיעקטן אין די בראדוועי פילמאר געגנט, צום ביישפיל צו אויפלעבן די סיערס פעדערוּסקי פארק, אפאָרדעבעל האוזינג ביי Playter Gardens at the Market און פארבעסערונגען צו די Matt Urban Center."

**פילמאר דיסטריקט קאונסיל מיטגליד, מיטש נאָוואקאווסקי, האט געזאגט,** "דער טראנספארמאטיווער פראיעקט, אנגעפירט דורך Cedarland Development LLC, וועט אריינבלאזן א פרישע חיות אין א לאנג-ליידיגע געביידע, און עס וועט ברענגען אפאָרדעבעל הייזער, עדזשוּקעישען געלעגנהייטן און דזשאב געלעגנהייטן צו אונזער געגנט. עס זאגט עדות איבער די פאזיטיווע השפעה וואס מיר קענען דערגרייכן דורך סטראטעגישע אינוועסטירונגען, און איך קוק ארויס צו זעהן די דעוועלאפּמענט בליהענדיג אין די הארץ פון איסט באפעלאו."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן